# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Facts and Dates About Jewish Life in California / Faktn Un Dates Vegn Yidishn Lebn in Kalifornye


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7p76g62r

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)



### Author
F. / F., I. / Y.



### Publication Date
1953



### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# פאַקטן און דאַטעס וועגן יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע

**פון י. פּ.**

גאָר בקרוב וועט ווערן 100 יאָר, זינט יידן האָבן אָנגעהויבן איינוואַנדערן אין קאַליפאָרניע.

• • •

סאַן פראַנציסקאָ, וואו דער רוב פון די איינוואַנדערער האָבן זיך צוערשט אָפּגעשטעלט, האָט די דאָרטיקע „דירעקטאָרי" אין יאָר 1850, געהאַט אין זיך אַ 100 נעמען, וועלכע האָבן געקלונגען יידיש.

• • •

מיט 100 יאָר צוריק, זיינען בלויז געווען 6 יידן אין לאָס אַנגעלעס. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין דאַן באַשטאַנען פון 1600 נפשות. היינט האָבן מיר דאָ 350 טויזנט יידן, כן ירבו, און די אַלגעמיינע באַפעלקערונג קרוב צו 4 מיליאָן.

• • •

די משפחה ניומארק, וועלכע איז פּראָמינענט עד היום אין לאָס אנגע־לעס, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון די ערשטע יידישע איינוואַנדערער אין קאַליפאָרניע.

• • •

העריס ניומארק, פון דער זעלביקער משפחה, האָט אָנגעשריבן אַ וויכטיק ווערק א. נ. „60 יאָר אין דרום קאַליפאָרניע". דאָס דאָזיקע ווערק ווערט באַ־טראַכט פאַר אַ גוט אינפאָרמאַטיוו און אילוסטרירט בוך, צו דער געשיכטע פון לאָס אַנגעלעס.

• • •

די גאָר ערשטע גרינדער פון דעם איצט באַרימטן סאנאטאריום אין דואַרטי, לאָס אנגעלעס, מיט אַן ערך 40 יאָר צוריק, זיינען געווען אַ קליינע גרופּע אַרבעטער רינג מיטגלידער און אידישע פאָלקס מענטשן. די זעלביקע עלעמענטן זיינען עד היום, זיינע וואַרעמסטע שטיצער און אַרבעטער.

• • •

ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פון ל. א. סאנאטאריום (דואַרטי), האָט אַ קריסטלעכע פּרוי, עלסינאָר מאקלין, געגעבן אַ מתנה דעם סאַניטאַריום, די פאבולע סומע פון אַ מיליאָן און 80 טויזנט דאָלאַר.

• • •

ביז דעם יאָר 1934 איז אין ל. א. אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה, כמעט ווי ניט געווען. יעדע יידישע גרופּע האָט געמאַכט „שבת פאַר זיך".

היינט, אין 1953, איז אין דעם ל. א. יידישן קאָמיוניטי קאונסל אָנגע־שלאָסן אַן ערך 350 יידישע אָרגאַניזאַציעס. האָט אַ פּרעכטיקן שיינעם בנין פון 90 טויזנט קוואַדראַט פוס די גרויס און הויזט אין זיך די מערסטע אָנגע־טורן פון דער אָרגאַניזירטער קהילה.

• • •

די „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג" ביים קאָמ. קאונסל, האָט אונטער איר אויפזיכט איבער 70 יידישע און העברעאישע שולן, פון אַלע ריכטונגען, מיט אַ באַזוכערשאַפט פון אַן ערך 10 טויזנט קינדער.

• • •

לאָס אַנגעלעס ציילט איצט אַרום 350 טויזנט יידישע נפשות, אָבער איינציקע שריפט אין יידיש וואָס דערשיינט דאָ, איז „חשבון", וואָס דער יידי־שער קולטור קלוב גיט אַרויס.